**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/9/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט לינקאלן צענטער'ס 550 מיליאן דאלארדיגע דעיוויד געפען זאל צו פארענדיגט ווערן אין אקטאבער 2022

***פראיעקט ערגענצט באמיאונגען צו אויפלעבן ניו יארק סטעיט'ס טוריזם אינדוסטריע***

***ניו יארק סטעיט צושטעלנדיג 6.5 מיליאן דאלאר צו פארשנעלערן פארענדיגונג און שטיצן גרויסע פארברייטערונג פון פובליק שטחים***

***פארברייטערטע פובליק שטחים צו אפהאלטן אומזיסטע קאמיוניטי-באזירטע פובליק פראגראמען***

***געמאלטע בילדער צו זעהן דא***

גאווערנער קעטי האקול האט זיך היינט אנגעשלאסן מיט לינקאלן צענטער'ס פירערשאפט צו אנאנסירן אז די 550 מיליאן דאלארדיגע רענאוואציע פון די נייע דעיוויד געפען זאל אין די לינקאלן צענטער פאר פארשטעלונג קונסט (Lincoln Center for the Performing Arts) וועט פארענדיגט ווערן אין אקטאבער 2022, צוויי יאר פריער פון פלאנירט. די זאל ווערט פונדאסניי אויסגעשטעלט פון אינעווייניג און ארויס מיט פארברייטערטע צוטריט צו פובליק שטחים פאר די קאמיוניטי, געשטיצט דורך א 6.5 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD). דער פראיעקט וועט טראנספארמירן די עטליכע-שטאקיגע זאל און די היים פון די באקאנטע ניו יארק פילהארמאניק (New York Philharmonic) צו אן ערשט-קלאסיגע זאל און דעסטינאציע וואס וועט ווייטער שטיצן ניו יארק סיטי'ס ערהוילונג פון די פאנדעמיע.

"די לינקאלן צענטער איז א צענטראלע טייל פון ניו יארק'ס קולטורישע הארץ, און די נייע דעיוויד געפען זאל, ערגענצט מיט פארברייטערטע פובליק און קאמיוניטי שטחים, וועלן מאכן די הארץ קלאפן נאך אפילו שטערקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק'ס צוריקקער הויבט זיך בלויז אן, און דער פראיעקט איז א קריטישע באשטאנדטייל פון דעם צוריקקער, שאפנדיג דזשאבס און גיבנדיג פאר ניו יארקער און באזיכער פון ארום די וועלט די געלעגנהייט צו באקומען די ערפארונג פון ערשט-קלאסיגע אונטערהאלטונג אין א הערליכע זאל. איך קוק ארויס צו זעהן די מאיאסטעטישע איינריכטונג באקענענדיג די קומענדיגע דור מיט די פרייד פון קונסטווערק."

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט שטעלט צו ביז 6.5 מיליאן דאלאר צו פארשנעלערן די טראנספארמאציע פון די דעיוויד געפען זאל, אריינרעכענענדיג בערך 21,000 סקווער פיס פון רענאווירטע און פארברייטערטע פובליק שטח אין און ארום דעם זאל. דורך דעם פראיעקט האט די לינקאלן צענטער זיך פארפליכטעט צו שאפן 114 נייע פול-טיים דזשאבס. אין צוגאב פלאנירט די אייקאנישע זאל צו אפהאלטן נייע קאמיוניטי-באזירטע פובליק פראגראמען אין די פובליק שטח און צו עפענען א פארשידנארטיגקייט

און קונסטווערק טרענירונג פראגראם וואס וועט גיבן באצאלטע פעלאָושיפּס צו שטיצן די קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען.

די פונדאסניי אויסגעמשל"טע דעיוויד געפען זאל וועט זיין די הויפט היים פאר די ניו יארק פילהארמאניק און עס וועט פארבעסערן די אלגעמיינע ערפארונג פאר קאנצערט אנטיילנעמער, אריינרעכענענדיג א הערליכע טעאטער פאר ארטיסטן און ביישוייער. די פובליק שטחים וועלן פארברייטערט ווערן מיט צענדליגע טויזנטע סקוועיר פיס צו שאפן א טיפערע פארבינדונג מיט די ביישוייער און קאמיוניטי. דאס וועט פארבעסערן די קוואליטעט פון די ערפארונג סיי פאר טיקעט האלטער און סיי פאר די אלגעמיינע פובליק, זיך קאנצעטרירנדיג אויף יושר'דיגע צוטריט צו קונסטווערק פראגראמען. נאך באשטאנדטיילן פון די פובליק שטחים פראיעקט רעכענען אריין:

- די הויפט לאבי וועט געטאפלט ווערן אין גרויסקייט און זיך עפענען אויף דרייט זייטן צו פארבינדן ווערן מיט די קאמפוס צו ערלויבן קאמיוניטי אקטיוויטעט צו פליסן.
- א וואנט וואו ווידעאו וועט קענען אויפגעשפילט ווערן אין די הארץ פון די נייע לאבי וועט אויפשפילן קאנצערטן און געשעענישן פאר אומזיסט, לעבעדיגערהייט, און אזוי אויך אנדערע דיגיטאלע מאטעריאלן.
- א נייע אויפנאמע צענטער אויף בראָדוועי וועט דינען אלץ טויער צו די לינקאלן צענטער פאר די פובליק.
- די פונדאסניי אויסגעשטעלטע און אויפגעלעבטע Grand Promenade וועט שאפן איינס פון די גרעסטע פארזאמלונג פלעצער ביי א פארשטעלונג איינריכטונג אין ניו יארק סיטי, מיט א מעגליכקייט צו אויפנעמען מער פון 1,000 מענטשן פאר א געשעעניש.
- די סיידוואלק סטודיא, זעהבאר פון די גאס אויף די ווינקל פון th65 סטריט און Broadway וועט זיין א היים פאר חינוך'דיגע, ארטיסטישע און קאמיוניטי אקטיוויטעטן, און עס וועט זיין א פענסטער צו ארטיסטן און געדאנקען וועלכע לעבן אויפן קאמפוס.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט עקטינג קאמישאנער, פרעזידענט און CEO-דעזיגנירטע, האָופ נייט, האט געזאגט,** "די לינקאלן צענטער איז אן אייקאנישן דעסטינאציע פאר ניו יארק'ס איינוואוינער און באזיכער צוגלייך, און די פארברייטערונג שפיגלט אפ די באנייטע ענערגיע פון די סיטי'ס קולטורישע הארץ. די ESD'ס אינוועסטירונג אין די דעיוויד געפען זאל וועט העלפן שאפן דזשאבס און שטיצן אונזער טוריזם עקאנאמיע מיט נייע און פארברייטערטע שטחים וואס וועלן איינלאדענען נאך מער מענטשן צו געניסן פון די לינקאלן צענטער און ארומשפאצירן דערין."

די פארשנעלערטע פארענדיגונג פון די דעיוויד געפען זאל שטופט פאראויס גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו צוריק אויפלעבן טוריזם און ניו יארק סטעיט. די טוריזם אינדוסטריע איז געווען צווישן די וועלכע זענען די מערסטע באטראפן געווארן דורך די קאוויד-19 פאנדעמיע, זעהענדיג באדייטנדע פארלוסטן אין באזוכן, דירעקטע שפענדונג און עקאנאמישע ווירקונג. אין נאוועמבער האט גאווערנער האקול אנאנסירט די "ברענג צוריק טוריזם, ברענג צוריק דזשאבס" ( Bring Back Tourism, Bring Back Jobs) ברייט-פארצווייגטע ערהוילונג פלאן, אריינרעכענענדיג געציהלטע פראגראמען און אונטערנעמונגען געווידמעט צו שטיצן די אינדוסטריע'ס עקאנאמישע ווידער אויפבוי.

גאווערנער האקול האט אויך לעצטנס אנאנסירט די פארעפענטליכונג פון נייע אלוועלטליכע I LOVE NY (איך האב ליב ניו יארק) אדווערטייזמענטס, זייענדיג די סטעיט'ס ערשטע באצאלטע טוריזם אדווערטייזינג קאמפיין אין אויסלענדישע מארקעטס. די נייע 30-סעקונדע אדווערטייזמענט שפילט אויף א געמיש פון נייערע אטראקציעס און אייקאנישע באליבטע פלעצער פון ארום ניו יארק סיטי – די לינקאלן צענטער אריינגערעכנט – און עס ערמוטיגט איינוואוינער און באזיכער צוגלייך צו פלאנירן אן ערשט-

מאליגן אויספלוג אדער א באזוך אויף צוריק צו טרעפן דאס וואס זיי האבן ליב און צו קומען זיין א חלק פון אלעס וואס ניו יארק סטעיט האט צו אפפערן.

**סטעיט סענאטאר ברעד האילמאן האט געזאגט,** "פאר איבער 60 יאר האט די לינקאלן צענטער געברענגט דזשאבס פאר ניו יארקער, ברענגענדיג מוזיק און אונטערהאלטונג צו די מאסן און איפרייצנדיג טוריסטן צו באזוכן די 'גרויסע עפל' (ניו יארק סיטי). אין א צייט ווען ניו יארקער און באזיכער פון ארום די וועלט זענען גרייט נאכאמאל צו קומען געניסן פון די קונסטווערק זיכערערהייט, איז דאס וואונדערבאר צו זעהן די פארבעסערונגען צו די דעיוויד געפען זאל פלאנירט צו פארענדיגט ווערן צוויי יאר פרי."

**אסעמבלי מיטגלידערין לינדע ב. ראזענטאל האט געזאגט,** "די דעיוויד געפען זאל פארברייטערונג ברענגט מערערע געלעגנהייטן פאר ארטיסטן און פאר מיטגלידער פון די לינקאלן צענטער קאמיוניטי וועלכע וועלן אויך בענעפיטירן פון די דזשאבס און נייע קאמיוניטי שטחים וואס דער פראיעקט וועט שאפן. די עטליכע פארגאנגענע יאר האבן געברענגט פילע שוועריגקייטן פאר די סיטי'ס עקאנאמיע און פאר ארטיסטן און קונסטווערק אינסטיטוציעס, און איך בין פול מיט האפענונג אז די פארברייטערונג ברענגט מיט זיך די קומענדיגע שטאפל אין אונזער ערהוילונג וואו מיר אלע קומען ארויס בעסער פון בעפאר. איך בין שטאלץ צו פארטרעטן די לינקאלן צענטער פאר פארשטעלונג קונסטווערק אין די ניו יארק סטעיט אסעמבלי, און איך וואלט געוואלט באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פון דעם פראיעקט און פאר איר גלויבונג אין ניו יארק'ס צוקונפט."

**קאונסיל מיטגליד געיל ברוּער האט געזאגט,** "מיינע וואונטשן גייען ארויס צו די לינקאלן צענטער פאר פארשטעלונג קונסטווערק און צו די פילהארמאניק פאר די פארשריט מיט די נייע דעיוויד געפען זאל וועלכע וועט זיין די כסדר'דיגע היים פאר די פילהארמאניק. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פון דעם פראיעקט. עס איז מיר געווען א פארגעניגן אלץ מאנהעטען בארא פרעזידענט צו צוטיילן $50,000 צו דעם פראיעקט אין פיסקאלע יאר 2021 וואס שאפט 6,000 דזשאבס, ארייננרעכנענדיג איבער 30 פאזיציעס פאר לאקאלע קאמיוניטי מיטגלידער און שטעלט צו שטח פאר געוואלדיגע קולטורישע אויסדרוק פאר אונזער סיטי און לאנד. איך בין איבערגעגעבן צו די מענטשן וואס מאכן קונסטווערק, און אזוי אויך צו די ארבייטער וועלכע שטאלן צו די שטיצע סיסטעם פאר די קולטורישע וואוקס. אין צוגאב וואלט איך געוואלט באדאנקען די פילהארמאניק פארן באזוכן אזויפיל פארקס ארום אונזער סיטי דורכאויס די פאנדעמיע; איך האב געהאט די עהרע זיך צו באטייליגן ביי פילע פארשטעלונגען. איך קוק ארויס צו די פילע צוגעקומענע באזיכער וואס די דעיוויד געפען זאל וועט צוציהען, און איך באגריס די צוריקקער פון אונזער טוריזם עקאנאמיע פון בעפאר די פאנדעמיע."

**לינקאלן צענטער פאר פארשטעלונג קונסטווערק פרעזידענט און CEO, הענרי טימס, האט געזאגט,** "די אויפלעבונג פון די דעיוויד געפען זאל איז א סימבאל פון דעם אז ניו יארק איז אפן פאר ביזנעס — די גרעסטע קולטורישע אינוועסטירונג פראיעקט זיך צו עפענען זינט בעפאר די פאנדעמיע, פארשנעלערט צו ווייזן אז ניו יארק איז נאכאלץ די לעבעדיגע צענטער פון די קולטורישע וועלט. מיר דרוקן אויס אונזערע טיפע דאנקען פאר די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר זייער שטיצע. די פאקט אז מיר האבן געקענט אהערשטעלן דעם פראיעקט אויף א צייטליכן פארנעם און נישט איבערשטייגנדיג די בודזשעט ווייזט ארויס די געוואלדיגע צוזאמענארבעט אויף אלע שטאפלען, און עס שיקט א קלארע מעסעדזש אז נייע און באגייסטערנדע זאכן זענען דא אין די לעגענדארע קאמפוס — א טיפע קאנצעטרירונג אויפן אויפנאמע, אויף ביישויער, ניי און באגייסטערנד. איר באלאנגט דא; דאס איז *אייער* נייע דעיוויד געפען זאל."

**פרעזידענט און CEO פון די ניו יארק פילהארמאניק, דעבארע באָרדע, לינדע און מיטש הארט, האבן געזאגט,** "זיך עפענענדיג צוויי יאר פריער ווי פלאנירט ברענגען די ניו יארק פילהארמאניק און די לינקאלן צענטער אריין דעם וויכטיגן פראיעקט צום לאנדונג! פילע דאנקען פאר די עמפייער סטעיט

דעוועלאפמענט פאר זייער באדייטנדע שטיצע. אן די פרעצעדענטלאזע שותפות צווישן אונזערע צוויי ארגאניזאציעס, די סטעיט, די סיטי און דיביישטייערער וועלט דאס פשוט נישט מעגליך געווען. צוזאמען האבן מיר געבויט א היים פאר אן ארקעסטרא פון די 21'סטע יאר הונדערט וואס פארלאנגט נישט נאר אמת'דיגע בויגזאמקייט נאך אויך דאס שפונג פון נייע פובליק שטחים וואס נעמען אויף און באגריסן אלע ניו יארקער."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן